



ועידת התביעות
Claims Conference
Conference on Jewish Material Claims Against Germany

Claims Conference Holocaust Survivor Memoir Collection

Access to the print and/or digital copies of memoirs in this collection is made possible by USHMM on behalf of, and with the support of, the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.



Ms. Judith Traub
15 Greenleaf Hill
Great Neck, NY 11023-1809

וועגן העלדישקייט אין געטא!

א געוויסע טייל יידן וועלכע האבן געהאט דאס גליק ניט צו זיין בא דעם לעצטן חורבן אין די שטחים ווי די דייטשן האבן פארניטען שטעלן די קלאץ-קאשיה פאר וואס האבן די יידן ניט געשטעלט א ווידערשטאנד אין זיך געלאזט פירן צו דער שחיטה?

איז איינס פין די ביידע: אדער די פרעגערס האבן עפעס א כוונה דערבא, אדער זיי ווייסן נאך ניט ביז דעם היינטיקן-טאג אויף וואס פאר ראפאנירטן-אויפן סען האט אויסגעבערענגט די יידן. די סענשטן דארפן וויסן איידער די דייטשע-מערדערס האבן באשלאסן צו ליקווידירן די יידן זענען פריער געזעסן גרויסע דייטשע פראפעסארן, דאקטארים, אין אנדערע געלערנטע ספעציאליסטן מומחים-פסיכאלאגן. זיי האבן געטראכט און געטראכט אין זיי האבן אויסגעארבעט א ליקווידירינגס-פלאן.

1) קודם-כל די יידן צונויף פרעסן אויף איין ארט, אין ענגע-געטאס בא די ערגסטע-וווינונגס-באדינגונגן.

2) יעדער מאן און פרוי פון 10 יאר אן מוזן טראגן א געלע-לאטע. ערשטנס: עס זאל זיין גרינג צו דערקענען זיי, צווייטנס: די יידן זאלן זיך פילן דערנידריקט און באלאַדיקט.

3) צו טיילן די יידן זייער קליינע נארמעס ברויט, אין זיי גוט אויסהונגערן.

4) פארבאטן די יידן אינטער דער דרא-אינג פון דערשאסן צו ווערן צו פארן פין איין שטאט אין דער צווייטער אדער זיך צו געפינען אויסער דעם געטא. הערן ראדיא, ליינען צייטונגן, אדער רעדן פאליטיק.

5) אלע יידן (א חוץ יודן ראטניקעס און געטא פאליציי) ד.ה. מענער און פרויען מוזן ארבעטן די שווערסטע-שווארצע-שמוציקע ארבעט וואס איז נאר פאראן.

6) באהאנדלן אין טראקטירן זיי ווי די ערגסטע-פארברעכער אין פאר יעדער קלייניקייט שלאגן ביז טויט.

7) צונעמען אלע ווערטפולע זאכן וואס די יידן פארטראַגן נאר, כדי זיי זאלן זיך ניט קענען מיט עפעס העלפן.

8) רייצן אין דראען די ניט יידישע באפעלקערונג פין די לענדער ווי די יידן געפינען זיך אז זיי זאלן ניט שטיצן אין ניט העלפן די יידן.

9) פין 7 אוונט ביז 6 אין דער פרי טארן זיך די יידן ניט באווייזן אין די גאסן (דער ארבעטס-טאג פין די יידן איז געווען פין 7 פרי פינקטלעך ביז 4-5 פארע נאכטן) און אויך שטרענג-פארבאטן צו פארזאמלן פין עטלעכע פרעמדע מענטשן אין איין שטוב.

10) פאר דער לעצטער ענטגילטיקער ליקווידירונג פין די יידן נאך מער ענגער מאכן די געטאס.

כדי עס זאל זיין גרינגער זיי צו ליקווידירן אין זיך באמיען ביז דער לעצטער מינוט זאלן די יידן ניט וויסן ווי מען פירט זיי, אין נאך אנדערע אזעלכע פאראורדינגן.

אין די געטאס איז געווען א אמתער תוהו-ובוהו. די דייטשן האבן געטריבן יידן פון איין געטא אין דער צווייטער, אין יעדער געטא איז געווען פיל מיט יידן פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך. די דייטשן האבן אויך געברענגט טראנספארטן מיט יידן פון ווין און טשעכן - אין די געטאס אין צווישן זיי איז געווען זייער אסאך האלבע אין דריי פערטלדיקע-יעקעס. זיי האבן מער געגלויבט די דייטשן ווי די פוילישע יידן. אין די געטאס איז געווען א גרויסער הונגער. איז עמיצער קראנק געווארן איז ניט געווען ווער עס זאל זיך מיט דעם קראנקן פארנעמען. ער האט באדארפן אדער געמוזט שטארבן וויל מעדיקאמענטן צו היילן א קראנקן איז ניט געווען.

ציליב דעם הונגער אין די וווינונגס-באדינגונגן אין וועלכע די יידן האבן געלעבט האט געהערשט דער טיפוס אין די געטאס.

אין די שפיטעלער האט מען שטארק אכטינג געגעבן אז עס זאל זיך חלילה ניט ארייננכאפן . . . קיין קראנקער ייד.

די יידן זענען געקומען פארע נאכט פון דער ארבעט הונגעריקע, צעבראכענע, און אויסגעמאטערטע זיי זענען געווען עלנט, דערנידריקט, און הפקר. ווער עס האט נאר געוואלט דער האט געקענט שלאגן אין הארגענען יידן.

פין אונזערע שכנים די פאלאקן איז ניט געווען צו ערווארטן קיין שום הילף. אין אויך קיין שום גוטווארט. פארקערט אז זיי האבן געקענט עפעס צו נעמען אדער שלעכץ טאן די יידן האבן זיי געטאן. זיי האבן זיך בא יעדער געלעגענהייט בוקם געווען אין די יידן - פארוואס? ווייס איך ניט. אין אפשר ציליב יעזוסן. . . וואס דארפט איר מער - אין דעם פוילן ווי דאס יידישע פאלק האט איבערגעלעבט די גרעסטע-טראגעדיע האט איר דאך געזען אין געהערט בא וואס פארע באדינגונגן די יידן האבן געלעבט באלט נאך דער מלחמה אין פוילן.

אין די געטאס האט געהערשט זייער א געדריקטע שטימונג. אין דערפאר זענען זייער אסאך יידן באגאנגן זעלבסט-מארד.

עס איז אויך געווען יידן וועלכע האבן בגנבה געהערט ראדיא, געליינט צייטונגן, זיי האבן געזיכט א בייעסל וואס עס זאל זיי הויבן די שטימונג.

אז די דייטשע-פאליציי האבן געטראפן אין די גאסן א ייד נאך 7 אזייגער אוונט האבן זיי אים גלייך דערשאסן אויפן ארט. אדער דער ייד איז געווען פארלארן געגאנגען. אין בא אזא לאגע איז געווען זייער שווער די יידן זאלן זיך קענען ארגאניזירן אין שטעלן א ווידערשטאנד אין בפרט אין די קליינע שטעטלעך.

אין יעצט איז אויך כדאי צו דערציילן ווי אזוי עס האט געלעבט דאס דייטשע-מיליטער אין פוילן. דאס ערשטע וואס די דייטשן האבן געזארגט אז דאס מיליטער זאל האבן גוט צו עסן. ווייל הונגעריקע סאלדאטן קענען ניט זיין קיין העלדן. איך אין נאך עטלעכע יידן האבן געארבעט ביז דער ליקווידירונג פון זאמאשטשער-געטא בא דעם ארטס-קאמענדאנטור. האט מיך דער דייטשער אינטער-אפיציר פין צייט צו צייט מיטגענומען אויף זיין וואגן אלס טרעגער צו ברענגן פראדוקטן פין די קאשארן (קאזארמעס) פאר דער ארטס-קאמענדאנטור. דארטן האב איך געזען גרויסע סאגאזינען מיט פארשידענע גוטע בעסטע לעבנס פראדוקטן. דארטן איז געווען די בעסטע פליישן (אין ספעציעלע קיל-שענק) ווי רונד-פלייש, חזיר-פלייש, פארשידענע סארטן-ווארשטן, די בעסטע דייטשע-פאפיראסן, ציגארן, פלעשער מיט בראנפן, ליקערן, ווינען,

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

מאראנצן, פולע זעק מיט די טייערסטע עפל, פישקעס מיט קאנסערוון, און נאך אנדערע פארשידענע לעבנס פראדוקטן.

אחוץ דעם זענען אויך אין די גרעסערע פוילישע שטעט געווען סאלדאטן-היימען (סעודות) ווי דער דייטשע-סאלדאט האט באקומען דאס בעסטע עסן און טרינקן פאר זייער ביליגע פרייזן, כמעט - ווי און געלט. די דייטשן האבן אויך באקומען צו קויפן אייער, פוטער, און חזיר-פלייש (שפעק) וועלכע זיי פלעגן אהיים שיקן קיין דייטשלאנד פאר זייערע משפחות, אדער ווען זיי פלעגן פארן קיין דייטשלאנד אויף חופש מיט זיך מיטנעמען.

ערב דער מלחמה מיטן ראטן-פארבאנד האבן די דייטשן קאנצענטרירט זייער אסאך מיליטער אין זאמאשטש און ארום זאמאשטש. אין יענער צייט איז די דייטשע-רוסישע גרענעץ ניט געווען ווייט פון זאמאשטש, האט דער ארטס-קאמענדאנטור גע-עפנט אין „בראווער״ דאס איז א פארשטאט פון זאמאשטש, א„הייזל״ (א גאנץ הויז פון 2 שטאק) פאר די דייטשע-סאלדאטן. זיי האבן געברענגט יינגע געזינטע פוילישע שיקסעס. דער הויפטמאן פון דער ארטס-קאמענדאנטור האט זיי איידל גערופן די פעלד-פרויען.

די דייטשן האבן אויך געזארגט אז דער דייטשער-סאלדאט זאל ניט פארלירן דעם בטחון אין זיך. ווען דאס דייטשע מיליטער איז באפאלן אין יאר 1941 דעם ראטן-פארבאנד זענען כמעט אויף אלע ווענט און פוילן געווען אויפשריפטן - מיט דיקע רויטע שריפט - דייטשלאנד זיגט אויף אלע פראנטן. Victory די דייטשן האבן געפירט א שטארקע פראפאגאנדע צווישן דעם מיליטער אז זייער נצחון איז א געזיכערטער.

עס זענען מיטגעפארן אויף אלע פראנטן טעאטער-טרופעס וועלכע פלעגן שפילן ספעציעלע פראפאגאנדע-זאכן און אויך ווייזן פראפאגאנדע קינא-פילמען פאר דעם דייטשן מיליטער.

די דייטשע קאמוניקאטן זענען געווען שטענדיג באגלייט מיט שיינע פריילעכע מיליטערישע נאציאנאלע מארשן. דאס מיליטער האט אויך באקומען פארשידענע פראפאגאנדע צייטונגען מיט אילוסטרירטע זשורנאלן ווי זיי פלעגן שטארק אבחוזיקן פון דעם ענגלישן און רוסישן מיליטער. זיי פלעגן אויך אלע מאל דערמאנען אז דאס איז ניט דאס יאר 1914.

אין אלע דייטשע מיליטער משרדים זענען געהאנגען פארשידענע נאציאנאלע מיליטערישע לאזונגען. אויף א בכבודיקן ארט, אויף דער מזרח וואנט איז געהאנגען דאס בילד פון היטלערן-ימח-שמו און אויך בילדער פון די דייטשע גענערעלער.

אין אויך אין אזייט איז געהאנגען בילדער פון ענגלישע און אמעריקאנער פערזענליכקייטן, איבער זיי איז געהאנגען אויף דער וואנט א לענטע אנגעשריבן מיט דיקע שריפט, זיי פירן די קריג מיט דייטשלאנד. אינטער יעדער בילד איז געווען אנגעשריבן יודע, זיין מוטער איז יודן, זיין זיידע וואר יודע, זיין פרוי איז יודן, אדער ער שטאמט פון יודן.

די דייטשע גענערעלער האבן געזארגט אז זייערע סאלדאטן זאלן האבן גוט צו עסן. און אויך געזארגט אז זיי זאלן ניט פארלירן דעם בטחון אין זיך, ווייל די דייטשע-גענערעלער האבן געהאלטן אז טאמער פארלירט דער דייטשער-סאלדאט דעם מוט, פארלירט דייטשלאנד די קריג.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

יעדער איינער פין אונז ווייסט גאנץ גוט אז דאס רוסישע מיליטער האט זיך העלדיש בעשלאגן מיט די דייטשן. אין דאך ביז די דייטשן האבן באקומען דעם ערשטן טויט-קלאפ בא סטאלינגראד האבן די דייטשן כמעט אלע רוסישע געפאנגענע סאלדאטן דערשאסן. איך מיר האבן ניט געהערט אז ערגיץ ווי זאלן האבן די רוסישע געפאנגענע סאלדאטן געשטעלט א ווידערשטאנד.

מען האט בא אונז אין זאמאשטש זייער אסאך מער דערשאסן רוסישע סאלדאטן ווי מען האט דערשאסן אין דערמארדעט יידן אין פאלאקן. אין דאך האבן די רוסישע סאלדאטן ניט געשטעלט קיין ווידערשטאנד.

אין יאר 1945 ווען איך בין באפרייט געווארן אין לאגער טערעזינשטאט אין איך בין צוריק געפארן קיין פוילן בין איך עטלעכע שעה געווען אין לובלין. האב איך דארטן געזען ווי עס איז געשטאנען אין א זייט 52 דייטשע געפאנגענע סאלדאטן,געהיטן האט זיי 5 רוסישע סאלדאטן. זעט אויס זיי זענען געקומען פין א ארבעט. אלע זענען זיי געווען זייער שמוציקע, ניט ראזירטע, צוריסענע-קליידונג מיט אויסגעדרייטע שיך. זיי האבן אלע אויסגעזען אזוי נעבעכדיק און צעבראכן אז איר קענט אייך גאר ניט פארשטעלן. איך בין אלאנגע צייט געשטאנען געקוקט אויף זיי אין געטראכט. דאס זענען די דייטשן וואס די וועלט האט פאר זיי מורא געהאט? די דייטשן פלעגן שלאגן ניט נאר מיט די הענט אין פיס, זיי האבן אויך געשלאגן מיט דעם מויל. אז זיי פלעגן שרייען האט זיך געדאכטן ווי ווילדע חיות ברומען אין עס איז געפאלן א פחד אויף דעם מענטש. אין דא זענען זיי געשטאנען ווי די לעמעשקעס, אומבאהאלפן, אין געציטערט פאר יעדער קלייניקייט. איך בין דעמאלט געקומען צו דער מסקנה וויל מען מענטשן צוברעכן מוז מען זיי קודם-כל גוט אויסהינגערן, אין שאפן ארום זיי אזעלכע באדינגונגן אז עס זאל זיי אליין נמאס ווערן דאס לעבן. דאן קען מען מיט מענטשן טאן וואס מען וויל. אדער לאמיר נעמען דעם ראטן-פארבאנד. יעדער איינער פין אונז געדענקט נאך גוט די גרויסע קומוניסטישע-פראצעסן וואס איז פארגעקומען אין יאר 1937 אין ראטן-פארבאנד. ווי אלטע-גרויסע טוערס פין דער קאמוניסטישער-באוועגונג וועלכע זענען 10-ער יארן געזעסן אין די צארישע-טורמעס פאר קאמוניסטישע-רעוואלוציאנע-רישער-טעטיקייט, אין זענען א דורך געגאנגען קאלטס און ווארעמס בא דעם רוסישן צאר, האבן זיך אלע מודה געווען אויף די קאמוניסטישע-פראצעסן אין א זעלכע חטאים וואס זיי זענען קיין מאל ניט באגאנגען, אין זיך געהייסן דערפאר דערשיסן. אין זייערע אייגענע קינדער און פרויען האבן געהייסן דערשיסן זייערע טאטעס און מענער. די דייטשן האבן זיך זייער אסאך געלערנט פין די קאמוניסטן וועגן א זעלכע זאכן.

עס איז אויך כדאי צו דערמאנען פוילן. אין יאר 1944 ווען דאס דייטשע-מיליטער האט באקומען שטארקע טויט-קלעפ אויף אלע פראנטן אין די גרעסטע טייל פין פוילן איז שוין געווען פארנומען פין דעם רוסישן מיליטער אין דייטשן האבן שוין עוואקואירט -ווארשע - אין זיי זענען שוין געשטאנען מיט איין פיס אין דייטשלאנד. דאמאלט האבן די ווארשעווער פאלאקן געמאכט א אויפשטאנד קעגן די דייטשן. א ודיא איז גרינגער ווען דער שונא דערטלויפט אים נאך צו יוגן אין צו שרייען הורא, הורא, אין ווערן נאך דערפאר העלדן. . . די פאלאקן האבן אויך געוואלט אין דער לעצטער מינוט מיט דעם אויפשטאנד צו ווערן א שותף צום זיג איבער דייטשלאנד.

איר דארפט אויך געדענקן אז אין יענער צייט איז אין ווארשע געווען זייער א גרויסע צאל געוועזענע אפיצירן אין זעלנער פון דער פוילישער דעמאבליזירטער ארמעי - וועלכע האבן אנגעפירט מיט דעם אויפשטאנד. אין דאך האבן די דייטשן דערשטיקט דעם אויפשטאנד.

אין יעצט וויל איך פרעגן אונזערע חשובע-מנהיגים וועלכע זענען אין דער צייט פון דעם לעצטן-חורבן געלעבט אין די פרייע מדינות, וואס האט איר געטאן ווען צו אייך זענען דערגאנגן די ידיעות וועגן דער פארניכטונג פון די יידן אין פוילן?

מילא איר האט נישט געקענט די אומגליקליכע יידן שיקן קיין שום הילף. קען מען נאך דאס פארשטיין, עס איז געווען מלחמה צייט אין די פאקט איז נישט געווען אין אייערע הענט, אבער רעדן דורך ראדיא צו די געטא יידן – ווי מען זאגט טרייסט-ווערטער ו.צ.ב. יידן זייט נישט פארצווייפלט, האלט אייך צוזאמען, מיר זענען זייער באזארגט וועגן אייך, די ישועה איז שוין נישט ווייט, אונזערע שונאים וועלן אין קורצן האבן א באצאלונג, אין נאך אנדערע אזעלכע טרייסט ווערטער האט איר דאך זיכער געקענט. דאס זענען דאך נישט קיין מלחמה מכשירים. אין אזעלכע ווערטער וואלט געווען זייער אסאך געהויבן די שטימונג בא די יידן אין די געטאס.

מיין ברודער חיים האט ביז דער ליקווידירינג פון זאמאשטשער-געטא ד.ה. ביז סוף יאר 1942 געהערט כמעט יעדן טאג ענגלישע קאמוניקאטן אין דער פוילישער-שפראך, אין קיין איין מאל איז נישט געווען דערמאנט וועגן די יידן אין פוילן.

אין ווען דער בונדיסט ארטור זיגעלבוים איז נאך איבטער-ערדישע וועגן געקומען קיין לאנדאן אין אלארמירט אז די פוילישע יידן גייען אפ אין בלוט קענט איר מיר אפשר זאגן וואס די יידישע מנהיגים פון דער פרייער וועלט האבן געטאן וועגן דעם?

קיינער האט אים נישט געוואלט הערן. אלץ פראטעסט איז ארטור זיגעלבוים באגאנגן זעלבסט-מארד, אין זיין זעלבסט-מארד איז בעווען געווענדעט נישט קעגן די דייטשן נאר קעגן דער פרייער וועלט וואס שווייגט.

אויך איז געקומען צו אייך דער שליח פון די אונגארישע יידן הער יואל בראנד אין איבערגעגעבן אז עס איז שוין די לעצטע טעג פאר דער ליקווידירינג פון די אונגארישע יידן אין געבעטן בא אייך הילף, איז אפילו נישט געווען ווער עס זאל אים העלפן קרעכצן. . . די יידישע-וועלט האט טענות צום פויפסט דעם 12-טן (וואטיקאן) פארוואס אין דער צייט פון דעם אומקום פון די יידן האט ער געשוויגן, אין פארוואס האט איר געשוויגן?? פארוואס האבן אונזערע מנהיגים אליין זיך נישט געווענדן צו דער קאטאלישער-וועלט אין געבעטן צו זייער יושר אין געוויסן אז זיי זאלן נישט העלפן די דייטשן אומברענגען די יידן? אין פארוואס האבן אונזערע מנהיגים אין די פרייער לענדער אפילו נישט קיין איין מאל געבעטן צו דער דייטשער-באפעלקערונג-זיי געווארנט אין געדראָט פאר די מערדערייען וואס זייערע זין, מענער, אין טאטעס טוען אפ אין פוילן מיט די יידן. איך בין זיכער אז אסאך דייטשן וואלטן זיך געווען אבגעשראקן אין דאס אומברענגען די יידן וואלט נישט געווען אין אזא טעמפא, אין אסאך יידן וואלטן זיך געווען אבגעראטעוועט.

איך ליין יעדן פרייטיק אין דער צייטונג „לעצטע נייעס" די זכרונות פון א באוויסטן ציוניסטישן גדול, פירער, אין ישראל. ער שרייבט אז אין די יארן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה (ד.ה. אין דער צייט ווען מען האט פארגאזעוועט די יידן אין פוילן) איז ער אלע מאל געפארן קיין לאנדאן אין זיך געטראפן מיט פארשידענע הויכע ענגלישע פערזענליכקייטן פון אלץ האט ער מיט זיי גערעדט, אבער אז די אייראפעישע יידן גייען אפ אין בלוט אין מען דארף זיי ראטעווען וועגן דעם האט ער פארגעסן צו רעדן.

צו געניסן פון די קליימס-געלטער איז היינט דא ברוך-השם זייער אסאך טוערס און נעמערס. אלע לויפן אויף דער ירושה פון אונזערע קדושים, אבער ווי זענט איר געווען אין דער צייט פון חורבן?

יא סוף יאר 1944 ווען דאס דייטשע-מיליטער האט באקומען שטארקע טויט-קלעפ אויף אלע פראנטן און די דייטשן האבן שוין געפילט אין געזען ווי זייער סוף דערנענטערט זיך אין זיי האבן שוין אנגעהויבן צו שרייבן אין זייער פרעסע אז די דייטשן פירן א קאמף פאר א בכבודיקן-שלום, האט א געוועזענער ציוניסטישער מנהיג פון פוילן - היינט אין ישראל געשיקט צום קאמיטעט פון די אונגארישע יידן א בריוו (אשענא) מיט עצות. אין דער בריוו איז געקומען קיין אונגארן נאך (הושענא רבה) דער מלחמה.

אין יעצט דער סך-הכל: אחוץ די 6 מיליאן יידן וואס זענען אומגעקומען פון די היטלערישע-רוצחים זענען אויף די קוים לעבן-געבליבענע געטא-יידן דער גרעסטער טייל פארבליבן קראנקע, צעבראכענע, רוּנירטע, דענערווירטע, אין האלב-משוגענע. אין דאך באמיען זיך היינט אונזערע מנהיגים צו חברן מיט די דייטשן אין זיי פארן איינער צום צווייטן אויף שמחה'ס.

אין דעריבער מיין איך עס וואלט געווען געזונטער אין שענער ניט צו פרעגן די לעבן-געבליבענע געטא-יידן פארוואס זיי האבן ניט געשטעלט קיין ווידערשטאנד.

א געוועזענער-קאצעטלער

יקותיאל צווילינך

יקותיאל צווילינך
רח' הגפן 13א'
ח י פ ה.
4/11/61